

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך
**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' ויגש
תשפ"ב לפ"ק
גליון המאתים!!

**פראגע**

## צי וויל דער אויבערשטער אז יעדער איינער זאל זיין רייך?!

## ענטפער:

**ס'איז** זיכער אז ער וויל **נישט** יעדער זאל זיין רייך, ווייל טאמער יא וואלט יעדער געווען...

ער וויל מענטשן זאלן **טון** וואס ס'איז **ריכטיג**. אבער די שאלה איז יעצט – וואס איז די ריכטיגע זאך צו טון? צי וויל דער אויבערשטער אז דער מענטש זאל טון **פעולות** צו ווערן רייך? לאמיר אויסברייטערן די שאלה: איז דער אויבערשטער אינטערעסירט אין אונזער גשמיות אדער נאר רוחניות?! וויל דער אויבערשטער אז מיר זאלן פוצן די ציין יעדן טאג? גיין שלאפן אין צייט? ארויסגיין געהעריג ווען ס'פעלט אויס? זיך היטן פון מחלות? קוקן אויף ביידע זייטן ווען מ'גייט דורך די גאס?

אדער אפשר ניין, דעם אויבערשטן גייט נישט אן די זאכן, ער איז נאר אינטערעסירט אין אונזער רוחניות, אבער אויב מען לייגט זיך אריין אין א סכנה, מען עסט מיט שמוציגע הענט, מען שטייט נעבן מענטשן וואס זענען פארקילט, מען גייט שלאפן שפעט, און מען עסט נישט אין די ריכטיגע צייט די ריכטיגע עסן, דאס גייט אים נישט אן...

און דער ענטפער איז אז ס'גייט אים שוין איינמאל אן, און דאס איז זייער א גרויסער יסוד וואס מיר דארפן לערנען:

הקב"ה זאגט, דו דארפסט זיך זארגן פאר דאס וואוילזיין פון א איד, און ווי נענטער דער איד איז צו דיר אלס מער האסטו אן אחריות זיך צו זארגן פאר אים. דו דארפסט זיך זארגן פאר דיין אייגענע ברודער מער ווי דו זארגסט זיך פאר א פרעמדן. דו דארפסט אפהיטן דיינע קינדער פון סכנות מער ווי דו באשיצט די קינדער פון אנדערע מענטשן. אודאי דארף מען זיך זארגן פאר **אלעמענ'ס** זיכערהייט, אבער דיינע אייגענע קינדער קומען צום **ערשט**.

און מער פון אלעם דארפסטו אפהיטן דעם מענטש וואס איז די נענטסטע צו דיר, דאס ביזטו אליינס, אדם קרוב אצל עצמו. אויב א מענטש פירט זיך מיט אכזריות צו זיך אליינס, שטייט אין משלי (יא, יז) "ועכר שארו אכזרי" – איינער וואס מאכט חרוב זיין אייגענע פלייש איז אן אכזר; און דערפאר האט מען א חיוב זיך גוט קער צו נעמען.

יעצט איז די פראגע: איז דא א חיוב צו העלפן א צווייטן איד רייך ווערן? אויב דו קענסט העלפן א איד מאכן פרנסה **איז עס א מצוה**. אויב זענען דא צוויי געשעפטן וואו דו קענסט גיין, איינס איז א נישט-איד און איינס איז א איד, אודאי זאלסטו געבן פרנסה פאר'ן איד. קיין שום פראגע נישט, מען דארף שטיצן א שומר שבת. **גיי ארויס פון דיין וועג** צו שטיצן א שומר שבת, אפילו עס וועט דיר קאסטן אביסל **מער**. ס'איז א מצוה צו העלפן א צווייטן איד מאכן פרנסה. שטיצט א שומר שבת איד, גיבט אים ביזנעס.

און אויב אזוי, דארף מען **זיך אליינס נאך מער שטיצן**, ס'איז א מצוה. בלויז ווייל דער איד איז פערצופאל דו אליינס מעגסטו אים שלעכט באהאנדלען? פונקט פארקערט, דו דארפסט זיין נאך **מער** געטריי צו אים, מער ווי צו אנדערע. דאס איז די וועג וויאזוי מ'דארף עס אנקוקן.

אלזא, אודאי וויל דער אויבערשטער דו זאלסט ארבעטן צו זיין רייך, עס מיינט אבער נישט אז ער וויל דו זאלסט למעשה **ווערן** רייך. דו דארפסט אבער **פרובירן**. עס מיינט נישט אז ער וויל דו זאלסט אויפזיין א גאנצע נאכט און טראכטן וויאזוי צו פארדינען געלט. ניין! אין א נארמאלע וועג וויל ער דו זאלסט זיין א שווערע ארבייטער, זאלסט נישט

זיצן מיט פארלייגטע הענט, אבער אויב ער באשלוסט אז עשירות איז נישט פאר דיר וועט עס נישט געשען.

ער קען דיין כאראקטער. אפשר זעט ער אז פאר דיר טויג נישט קיין עשירות, ווייל אויב דו וועסט זיין רייך וועסטו זיך אנעסן מיט צופיל נאשעריי און קראנק ווערן, אדער וועסטו גיין אויף פלעצער וואו דו וועסט אריינפאלן אין פראבלעמען. במילא באשלוסט ער אז דאס בעסטע פאר דעם מענטש איז אז ער זאל בלייבן ארעם אין זיין אלטע געגנט. דארט וועט ער זיין די מערסטע באשיצט, ער וועט זיין גליקליך, און ער וועט האלטן זיין אלטע ווייב – אז נישט וועט ער זיך זוכן נייע גליקן. ער וועט פרובירן צו זוכן וועגן חרוב צו מאכן זיין פאמיליע, חרוב מאכן זיינע קינדער. דאס קען געשען פון צופיל געלט.

דעריבער, זיכער ווייל דער איבערשטער דו זאלסט **פרובירן** צו מאכן געלט. יעצט אויב קענסטו לערנען, דאס ווייל ער **נאך מער**. ענדערש זאלסטו לערנען. מאכט נישט קיין טעות, מיר זאגן נישט אז מען זאל צומאכן די גמרא און גיין ווערן רייך. מיר רעדן וועגן מענטשן וואס לערנען **נישט** אגאנצן טאג, אז אנשטאט זיך ארומדרייען און געניצן, געב דיך א שאקל און מאך געלט! טו אין ביזנעס, גיי אריין אין א פרנסה.

פארוואס זיין אן אביון? א גארנישט? אין די זעלבע צייט וואס דו גייסט ליידיג, זיי ענערגיש און מאך עפעס פון דיר. אודאי ווייל דאס דער אויבערשטער.

## פראגע

**וואס זאגט איר וועגן א איד וואס ווען מ'פרובירט אים צו איבערצייגן צו היטן מצוות, ענטפערט ער "איך בין א איד אין מיין הארץ, דאס איז גענוג"?**

## ענטפער:

**שטעלט** אייך פאר אז דער "הארץ-איד" גייט שווימען. ער איז ארויסגעגאנגען אביסל צו די טיפערע וואסער און ער האט באקומען קרעמפן און ער שרייט פאר הילף. דער "לייף-גארד" זיצט זיך ווייטער ביים ברעג רואיגערהייט.

מען זאגט פארן לייף-גארד, "א מענטש דערטרענקט זיך!"

ער זאגט, "אזוי?!"

"דו ווילסט אים נישט ראטעווען?"

"אודאי וויל איך. איך וויל אים אזוי שטארק ראטעווען! מיט מיין גאנצע הארץ."

מיט א הארץ ראטעוועט מען נישט קיינעמ'ס לעבן. סתם צו **וועלן** ראטעווען א מענטש, גייט ער נישט געראטעוועט ווערן פון דערטראנקען ווערן.

דאס לעבן ווערט אויסגעדרוקט אין **מעשים**. דער אמת איז אז אויב דער מענטש וואלט טאקע געהאט עפעס אין הארץ וואלט ער עס אויסגעדרוקט אין מעשים. דער פאקט אז ער טוט עס נישט דאס אליינס ווייזט אז ער איז נישט קיין הארץ-איד – דאס איז די גרעסטע ראיה אז עס האלט נישט דערביי. א מענטש קען נישט קוקן ווי א צווייטער מענטש דערטרונקט זיך און שרייט פאר הילף און זאגן, "איך וויל אים אזוי שטארק העלפן." ער וויל נישט!

במילא, די מעסטונג אויף א מענטש איז נישט וואס ער טענה'ט אז ס'איז אין זיין הארץ, נאר וואס ס'איז עכט אין זיין הארץ. און די איינציגסטע וועג וואס א מענטש קען וויסן צו ער נארט זיך אדער נישט, איז צו זען וואס ער **טוט**.

יעצט אויב א מענטש איז א "איד אין זיין הארץ" און ער דרוקט עס אויס דורכ'ן שטיצן לאמיר זאגן די UJA (א רעפארם פעדעראציע) איז ער א UJA אין זיין הארץ, נישט קיין איד... שטיצן די UJA מאכט אים נאכנישט פאר קיין איד. אויב א מענטש גלייכט קנישעס און אזוי דרוקט ער אויס זיין אידישקייט, דאס ווייזט נאכנישט אז זיין הארץ איז אין די ריכטיגע פלאץ.

און דערפאר, די הארץ איז נאר באדייטפול ווען עס ווערט אויסגעדרוקט מיט מעשים. ווען די מעשים זענען זיך סותר מיט וואס ער זאגט, דאס ווייזט אז אין זיין הארץ איז ער א גארנישט. (#385)

**די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת** (ענגליש)**, און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו** Signup@TorasAvigdor.org**, אדער גייט צו** torasavigdor.org**. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו** tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י **מערכת להתענג** וכל הזכויות שמורות



דער צווייטער באנד!
ספר פאפולערן פאפולערן
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










**$1**
**א וואך**
**מועדים $3**

## ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

**אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com**

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**